(1

## די ע-קלאַנגען אין יידיש.

### א.

דער אַרטיקל שטעלט פֿאָר אַ קאַפּיטל פֿון אַ גרעסערער אַרבעט "היסטאָרישע פֿאָנעטיק פֿון יידיש", וואָס איז ביז איצט נאָך ניט געדרוקט – און דעם אַריינפֿיר אין זע מיך דערפֿאַר געצוווּנגען מקדים צו זיין אַ פּאָר אַלגעמיינע ווערטער.

דער היינטיקער פֿאָנעטישער שטאַנד פֿון יידיש איז אַ פּראָדוקט פֿון אַ פּראָצעס וואָס האָט געדויערט אַ פּאָר הונדערט יאָר. די זעלבשטענדיקע אַנטוויקלונג, ד"ה דאָס זעלבשטענדיקע פֿאַראַרבעטן פֿון פֿאָנעטישע טענדענצן און ביחוד וואָס שטאַמען פֿון דייטשע דיאַלעקטן, הויבט זיך אָן אין סוף 13 – אָנהויב 14 י"ה. דעמאָלט הויבט זיך אָן פֿאָרמען דער פּראָטאָטיפּ פֿון יידיש, דאָס אור-יידיש (אוי"י). שוין דעמאָלט הויבט זיך אָן די דיפֿערענציאַציע פֿון מערבֿ-יידיש (מעי"י) – דייטשלאַנד, בעהמען-מערן, אונגאַרן, סלאָוואַקיי – און מזרח יידיש (מזי"י) – פּוילן, ליטע, רייסן – ד"ה פֿון דעם טיפּ, וואָס איז געבליבן אויפֿן באָדן פֿון דייטשע דיאַלעקטן, און דעם, וואָס איז אַריבער אויף סלאַווישן באָדן. דעריבער זען מיר, אַז אַמאָל איז דער פֿאָנעטישער יסוד פֿון אַלע דיאַלעקטן גלייך (אוי"י) און אַמאָל איז ער פֿאַרשידן; אַן אַנדערער פֿאַר מעי"י (אומעי"י) און אַן אַנדערער פֿאַר מזי"י (אומזי"י).

די ליניע, וואָס טיילט אָפּ מזי"י פֿון מעי"י, גייט אין איינעם מיט דער פּראָווינציעלער גרענעץ פֿון קאָנגרעס-פּוילן קעגן פּאָמערן און פּויזנער גובערניע, פֿון דער פּויליש-איסטפּרייסישער גרענעץ ביז שלעזיע, און ציט זיך דערנאָך מיט דער פּויליש-דייטשער און פּויליש-טשעכישער גרענעץ ביז צום מזרח-קאַנט פֿון דער טאַטרא. דאָרט שניידט זי איבער די סלאָוואַקיי אין דרום-דרום-מזרחדיקער ריכטונג, אויף מערבֿ פֿון די ערטער פּאָפּראַד, דאָבשאַן, ראָזשענוי, גייט ווייטער אויף אונגאַרישן און רומענישן באָדן איבער מיטקולץ, דעברעצין, גרויס-וואַרדיין (וועלכע מען קען נאָך רעכענען צו מזי"י), און דערנאָך לאָזט זי זיך אַראָפּ אויף דרום ביז זי דערגרייכט די דאַנוי ביי דער פּראָווינציעלער גרענעץ פֿון וואַלאַכיע און זיבנבירגן.

די עפּאָכע פֿון אָנהויב 16 ביז מיט 18 י"ה רופֿ איך אַלט-יידיש (אַ"י). דאָס איז די צייט, ווען די פֿאָנעטישע אַנטוויקלונג האָט זיך פֿאַרענדיקט ביז צו דער סטאַדיע פֿון ביי-יידיש (ב"י) און בפֿרט מזי"י האָט זיך געשפּאָלטן אין אַ סך דיאַלעקטן. דאָ דאַרפֿן מיר אונטערשיידן קודם כל 2 מזי"ה הויפּטטיפּן: 1) דעם טיפּ וואָס וועט אַרום דעם צפֿון-מזרח פֿון יידישן שפּראַכגעביט (צפֿון-אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, ליטע און קורלאַנד) – צפֿון-מזרח-יידיש (צמזי"י); 2) דעם טיפּ וואָס פֿילט אויס די מיט פֿון יידישן שטח, צווישן צמזי"י און מעי"י (פּוילן און גאַליציע, דרום-אוקראַינע און בעסאַראַביע, רומעניע און בוקאָווינע, קאַרפּאַטן-רוסלאַנד און מזרח-סלאָוואַקיי) – מיטל-יידיש (מי"י).

די מי"י/צמזי"י-ליניע[3] הויבט זיך אָן דאָרט, וווּ טרעפֿן זיך די פּוילישע, ליטווישע און איסטפּרייסישע גרענעץ, און פּאַסירט דעם סוּוואַלקער קרייז אין זיין דרום-מזרחדיקער ריכטונג (סוּוואַלק אַליין איז צמזי"י) ביז זי גייט אַדורך צווישן לאָמזשע (מי"י) ביאַליסטאָק (צמזי"י). דערנאָך פֿאַרנעמט זי זיך אויף דרום-מזרח ביז בריסק און דאַן נאָך מער מזרחדיק, אויף צפֿון פֿון קאָוועל, לוצק און ראָוונע, אַזוי אַז זי טיילט צו נאָר דעם צפֿון פֿון וואָלין צו צמזי"י און דערגרייכט בערך ביים 51 גראַד געאָגראַפֿישע ברייט די פּויליש-סאָוויעטישע גרענעץ. דאָרט זעצט זי פֿאָרט די אייגענע ריכטונג איבער קיעוו ביז פּאָלטאַווע, און פֿון דאַנען גייט זי אַראָפּ אויף דרום איבער קרעמענטשוג קיין כערסאָן – דער גאַנצער שטח פֿון פּאָלטאַווע און כערסאָן אויף מזרח איז יונג קאָלאָניזירט ד"ה אַ געמישטער געביט.

---

1) עס האַנדלט זיך דאָ נאָר אין באַטאָנטע טראָפֿן.

2) היידעלבערגער דיסערטאַציע: Jechiel Fischer, Das Jiddische und sein Verhaeltnis zu den deutschen Mundarten I,1 (Allgemeiner Teil), Leipzig 1936.

3) פֿריער האָט מען לויט בירנבוים'ס טערמינאָלאָגיע גערופֿן די דיאַלעקטן u-דיאַלעקט און o-דיאַלעקט. די ליניע, וואָס איך צייכן דאָ, איז טאַקע דער עיקר די גרענעץ צווישן u און o. די ליניעס צווישן אַנדערע דיפֿערענצן גייען אָפֿטמאָל אַריין אַ סך טיפֿער אויף מי"י באָדן (לטובת דעם צמזי"י). פֿאַרשטייט זיך אַז ס'איז איבערהויפּט פֿאַראַן אַ ברייטער שטרייף אויף ביידע זייטן פֿון דער ליניע מיט געמישטן כאַראַקטער.

מ"י טײלט זיך ווידער אין 2 דיאַלעקטישע טיפּן: 1) דעם מערבדיקן, אין פּוילן, גאַליציע און אין גאַליציש באַײנפלוסטן געביט פון קאַרפּאַטן-רוסלאַנד, סלאָוואַקײ און אונגאַרן - מערב מיטליידיש (מעמ"י); 2) דעם מזרחדיקן, אין אוקראַינע, בעסאַראַביע, רומעניע, בוקאָווינע מיט דעם מזרחדיקן קאַנט פון קאַרפּאַטן-רוסלאַנד וואָס שטײט אונטער בוקאָווינישער השפּעה - מזרח-מיטליידיש (מזמ"י). די גרעניץ צווישן זיך אָפּ פון דער מ"י/צמז"י-ליניע ביז ווײט פון דער פּויליש-סאָוויעטישער גרעניץ, אין צפון-מזרח פון ראָוונע, שלענגלט זיך דורך צווישן ראָוונע (מעמ"י) און אָסטראָג (מזמ"י) און פאַרלײנט זיך כמעט אינגאַנצן מיט דער פּויליש-סאָוויעטישער גרעניץ ביז סקאַלע (צפון-מערב פון קאַמענעץ). דאָ שפּרינגט זי אָפּ אויף דרום-מערב איבער האָראָדענקע-קאָלאָמײ-מאַרמאַראָש (אַזוי אַז דער דרום-מזרחדיקער קאַנט פון מזרח-גאַליציע און קאַרפּאַטאָ-רוס פאַלט שוין צו צום מזמ"י פון בוקאָווינע) און פאַרנעמט זיך אויף דרום פון סאַטמאַר כמעט אין ריין מערבדיקער ריכטונג, ביז זי דערגרייכט בײַ דעברעצין די מז"י/מע"י-גרעניץ.

דער עיקר מעמ"י דיאַלעקט הערשט אין פּוילן און מערב-גאַליציע מיט דעם מערב-קאַנט פון וואָלין, וואָרן דער איבעריקער געביט פון מעמ"י שטעלט אײגנטלעך שוין פאָר אן איבערגאַנג, א מין בריק, צווישן מעמ"י און מזמ"י. די גרעניץ צווישן עיקר-מעמ"י און איבערגאַנגס-מעמ"י גײט אַרויס פון דער מ"י/צמז"י-גרעניץ אין צפון פון קאָוודעל און האַלט זיך קודם אין דרום-דרום-מערב-ריכטונג ביז זי קומט אַריס צווישן קאָוועל און לאָדמיר אויף מערב פון בעלז און ראָווע רוסקע. דערנאָך פאַרנעמט זי זיך שוין מער אויף דרום-מערב, איבער פּשעמישל און סאַנאָק דערגרייכט זי די פּויליש-סלאָוואַקישע גרעניץ און ציט זיך שוין מיט איר ביז צו דער מז"י/מע"י-גרעניץ אין דער טאַטרא.

איך באַגניג מיך דאָ מיט די דערמאָנטע גרעניצן. אַנדערע ליניעס פירן שוין אַרײַן אין גאָר ספּעציעלע דיפערענצן. פאַרשטײט זיך, אַז אויך אין מזמ"י זענען נאָך פאַראַן אונטערשידן צווישן אוקראַינע און בעסאַראַביע, צווישן בוקאָווינע און רומעניע אא"וו.

צמז"י איז מער אײנהײטלעך. גרויסע דיפערענצן זענען דאָ נאָר צווישן קורלענדישן יידיש (אונטער השפּעה פון קורלנדיש דײַטש) און ליטוויש-ווײַסרוסישן. אַנדערע ליניעס זענען שוין ווידער מער ספּעציעל.

פון עיקר-מע"י (דײַטשלאַנד און עסטרײַך) טײלן זיך אָפּ, ווי א באַזונדערע גרופּע, די דיאַלעקטן פון בעמען (מיט אויסנאַם פון מערבדיקן שפּיץ), מערן, מערב-סלאָוואַקײ, רוב אונגאַרן און בורגענלאַנד. זײ זענען אין פאָנעטישער באַציִונג נעענטער צו מז"י ווי דער רעשט, ספּעציעל פאַרשטײט זיך צום שכנותדיקן מ"י. רופן מיר זײ דרום-מערב-יידיש (דמע"י), ווײַל זײ נעמען אײַן דעם דרום-מערב פון היינטיקן יידישן שפּראַכבלאָק. דער מערב-שפּיץ פון בעמען (אַרום עגער) געהער שוין צום טיפּ פון עיקר-מע"י, וואָס איז שוין לאַנג אויסגעשטאָרבן. נאָר פון דעם עלזאַסער דיאַלעקט - ווידער אן אײגענער מע"י טיפּ - האָבן מיר נאָך מאַטעריאַל.

<u>ב.</u>

מה"ד האָט געהאַט 9 e-קלאַנגען. לויט זייער קוואַנטיטעט דאַרפן מיר זײ אײנטײלן אין קורצע, לאַנגע און דיפטאָנגישע, לויט זייער קוואַליטעט/אין עפענע, פאַרמאַכטע און קײלעכדיקע. אָט איז זייער סכעמע:

| | אָפן | פאַרמאַכט | קײלעכדיק |
|---|---|---|---|
| קורץ | ë, ä | ẹ | ö̈ |
| לאַנג | ae | ê | oe |
| דיפטאָנג | — | ei | öu |

אַן אָפענער דיפטאָנג איז בטבע ניט מעגלעך געווען, ווײַל דער i אין סוף פון דיפטאָנג פאָדערט א פאַרמאַכטע אַרטיקולאַציע פון די ליפּן. דעריבער רעכנט זיך דער דיפטאָנג שוין צו די פאַרמאַכטע, אפילו ווען דער e אין אָנהויב אַרטיקולירט זיך נאָך מער אָפן. אָבער צוויי אָפענע קורצע וואָקאַלן זענען געווען, און אײנער

פון זיי (ä) איז געווען נענטער צו דער באזע פון a , ד"ה גאר אפן.

נה"ד האט ווייניקער מעגלעכקייטן פון ארטיקולאציע. דעריבער האט זיך די סקאלע שטארק פארשמאלט. די דיפטאנגען (ai =) ei און (oi =) äu זענען שוין איבערהויפט נישט קיין e-קלאנגען. דער אונטערשיד פון אפן און פארמאכט איז אין אמת בטל געווארן, ווייל ער איז שוין געווארן אידענטיש מיטן קוואנטיטאטיוון אונטערשיד - פון די 3 קורצע וואקאלן איז געווארן איינער אן אפענער, פון די 2 לאנגע איינער א פארמאכטער (זעלטן דיפערענצירט מען נאך די לאנגע וואקאלן און אין נה"ד). נאר די קיילעכדיקע קלאנגען זענען געבליבן, סיי קורץ סיי לאנג. אזוי באקומען מיר די סכעמע:

| | פשוט | קיילעכדיק |
|---|---|---|
| קורץ | e (+ ä) -אפן | ö |
| לאנג | e (+ ä) -פארמאכט | ö |
| [דיפטאנג | (ai =) ei | [(oi =) äu |

אויך או"י האט פארשמאלט, אבער אביסל אנדערש ווי נה"ד. דער ערשטער פראצעס איז דא געווען דוקא דאס צונויפפאלן פון די קיילעכדיקע מיט די פארמאכטע, נאכדעם ווי או"י האט זיי אויס-קיילעכדיק געמאכט. דערנאך האבן אלע קורצע וואקאלן געבראכט דעם זעלבן רעזולטאט ווי נה"ד: אפענער e (ֶע). אבער ביי די לאנגע איז געבליבן די דיפערענץ צווישן אפן (ֶע) און פארמאכט (ֵע) - וואס נעמט שוין ארום קיילעכדיק אויך. אזוי ווייט איז דער וועג געמיינשאפטלעך או"י. ביים דיפטאנג (öu +) ei האבן זיך שוין אומז"י און אומע"י אפגעשיידט: אומז"י האט אים מאנאפטאנגירט (> ע) און צונויפגעלייגט מיט דעם לאנגן פארמאכטן וואקאל, אומע"י האט אים געהאלטן דיפטאנגיש, אבער אויסגעשיידט פון די ע-קלאנגען, פונקט ווי נה"ד (> ַאי).

אבער די אומז"י מאנאפטאנגירונג פונ'ם דיפטאנג האט שוין פארענדערט די אנטוויקלונג פון אלטן מאנאפטאנג אויך. אז צוויי קלאנגען גיסן זיך צונויף, זענען זיי משפיע איינער אויף דעם אנדערן, און אפטמאלס קומט אויס א פשרה. דער פריערדיקער דיפטאנג האט ארייַנגעבראכט אין דעם נייעם געמיינשאפטלעכן קלאנג דיפטאנגישע טענדענצן, וואס האבן דערנאך באשטימט די גאנצע שפעטערדיקע אנטוויקלונג. מיר דארפן דעריבער באצייכענען דעם אומז"י, קלאנג אייגנטלעך אזוי: ֵע(י). די נטיה צום דיפטאנג האט אפגעהיטן דעם קלאנג פון צונויפפאלן מיט דעם אפענעם ֶע, ווי דאס איז שפעטער געשען אין מע"י. אזוי ארום קומט אויס די פאלגענדיקע סכעמע:

| | אומז"י | | אומע"י | |
|---|---|---|---|---|
| | אפן | פארמאכט | אפן | פארמאכט |
| קורץ | ֶע | | ֶע | |
| לאנג | ֶע | ֵע(י) | ֶע | ֵע |
| [דיפטאנג | | | ַאי] | |

אזוי ווייט איז די אנטוויקלונג ריין סכעמאטיש. איינצעלנע שגיאות זענען נאך ארייַנגעקומען דורך 2 פראצעסן, וואס זענען כאראקטעריסטיש פאר נה"ד אפקעגן מה"ד: די פארלענגערונג פון מה"ד קורצע וואקאלן און די פארקירצונג פון לאנגע. אויך או"י האט זיי מיטגעמאכט, הגם נישט גאנץ אין דער זעלבער מאס און נישט תמיד אין די זעלבע ווערטער, ווי די נה"ד שריפטשפראך; די פארקירצונג, וואס איז ייִנגער ווי די פארלענגערונג, האט דערגרייכט אין יידיש קלענערע רעזולטאטן - אגב א ראיה אז אין יענער צייט (14 י"ה) האט זיך אנגעהויבן די פארזעלבשטענדיקונג פון ~~מזרח~~ יידיש.

פארלענגערונג קומט געוויינלעך פאר: 1) אין אפענע טראפן (למשל בעֵט, לעֵבן), 2) אין טראפן פארמאכט מיט איין אייַנפאכן ר (למשל ווער), 3) פאר ר + דענטאל - או"י אויך ל און נ, נה"ד נישט - (למשל פערד, פערל), 4) אין אנדערע פארמאכטע טראפן אפטמאלס דורך פארבינדונג מיט אפענע געוויינטלעך און נישט תמיד,

(למשל וועג דורך פארבינדונג מיט וו-ען אין מערצאל).

ווייל ס'האט זיך געקאנט מכ(א)ן אז אנטשטאט זו פארלענגערן דעם וואקאל האט מען פארלענגערט (ד"ה פארטאפלט) דעם קאנסאנאנט (למשל בה"ד fēder < fe-der אבער vetter < ve-ter ).פארקירצונג קומט פאָר פאר טאפעלטער קאנסאנאנץ (למשל עלף < einlif) .

צום סוף דארפן מיר קאנסטאטירן די ספעציפיש או"י דערשיינונג, אז פאר ר (ווס איז א ווקאלארער א-האלטיקער קלאנג) באקומט איטלעכער לאנגער אדער פארלענגערטער ע אן אפענעם קלאנג, אפילו ווען ער איז געווען מה"ד פארמאכט אדער קיילעכדיק.

קענען מיר, הייסט עס, רעסומירן, אז ס'אנטשפרעכט:

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| או"י ע: מה"ד | $\ddot{o}$, ẹ, ë, ä | וואס איז געבליבן קורץ | און | $\ddot{o}u$, ei, oe, ê | וואס איז פארקירצט | | | |
| " ע̄: " | ae | " | " | " | לאנג | " | ë, ä | וואס איז פארלענגערט |
| אדער " | oe, ê (פאר ר) | " | " | " | " | " | $\ddot{o}$, ẹ | (פאר ר) וואס איז פארלענגערט |
| אומז"י ע̄(י): מה"ד | $\ddot{o}u$, ei, oe, ê | " | " | " | " | " | $\ddot{o}$, ẹ | וואס איז פארלענגערט |
| אומע"י ע̄: " | oe, ê | " | " | " | " | " | $\ddot{o}$, ẹ | וואס איז פארלענגערט |
| " אַי: " | $\ddot{o}u$, ei | " | " | " | " | . | | |

וואס פאר רעזולטאטן ברענגט די וויטערדיקע אנטוויקלונג פון די או"י קלאנגען אין יידיש?

ג.

או"י ע איז געבליבן אומפארענדערט אין אלע דיאלעקטן, ווען עס שטייט נישט פאר ר אדער כ. מיר טרעפן אס אָן אין די ווערטער: (מיט מה"ד ë) שנעל, העלפן, נעמען, יענער; (מיט מה"ד ẹ) פעטער, העמד, עלנד, ענדעס, מעש; (מה"ד $\ddot{o}$) לעפל, עפענען, קעפל; (מה"ד oe)טענער, גרעסטער; (מה"ד ei) עלף, קלענסטער.

פאר ר[4] האט זיך ע כמעט איבעראל, און פאר כ אין א טייל דיאלעקטן געביטן אויף אַ, אזוי למשל: פאר ר (מה"ד ë) קארש, הארץ, ווארפן, פארדארבן, שמארצן; מה"ד $\ddot{e}$) פארבן; (מה"ד ẹ) ארבל, פארטיק, פארמעט;
און פאר כ: (מה"ד ë) ראכט שלאכט, בראכן; (מה"ד ẹ)נאכטן, רעכענען; (מה"ד $\ddot{o}$) טאכטער.

אין ווערטער מיט מה"ד $\ddot{o}$ טרעפט זיך דער קלאנגענבייט פאר ר נאר אין יענע דיאלעקטן וואס האבן אים אויך פאר כ, למשל: ארטער, דארפער, ווארטער.

דער דאזיקער ווקאלארער איבערקלאנג פון ע פאר אן א-האלטן קאנסאנאנט איז אן אלטע און אלגעמיינע דערשיינונג, מסתמא פון סוף או"י און אנהויב ע"י צייט. ער איז שטארקער 1) פאר ר איידער פאר כ, 2) אין אנהויב איידער שפעטער און אַ"י עפאכע, 3) אין מערב איידער אין מזרח. אזוי קענען מיר פארשטיין, פארוואס א) דער איבערקלאנג פאר כ נעמט ארום נאר דעם עיקר-טעמ"י דיאלעקט און דאס סבגות'דיקע דמע"י, בשעת די אַבֿעריקע דיאלעקטן (פון איבערגאנג-טעמ"י אָן ווייטער) קענען אים נאר פאר ר, ב) דער איבערקלאנג פון $\ddot{o}$ (וואס האט ווייזט אויס, אין דער ערשטער צייט נאך אפגעהיטן א רעשט פון דער קיילעכדיקער ליפן-ארטיקולאציע און דאנק איר געקאנט זיך אנטקעגנשטעלן דער ווקאלאריזאציע) איז שוין שפעטער דורכגעפירט געווארן נאר אין יענע מערבדיקע דיאלעקטן.

פון דמע"י שיידט זיך אפ נאר דער עגער-דיאלעקט, וואס האט, ווייזט אויס, אין איינעם מיט עיקר-מע"י, אונטער השפעה פון בה"ד איבערהויפט נישט דעם ווקאלאיבער-קלאנג; מן הסתם האבן זיי אים געהאט און שפעטער אנולירט, ווייל שפורן דערפון טרעפן מיר פארט, נאך ביז היינט, למשל אין: בראכן, רעכט, שלעכט - דווקא פאר כ, ווייל ר איז א פנים שוין לאנג געווען אן אלוועאלארער קלאנג.

4) פארשטייט זיך אין ווערטער וואס האבן נישט פארלענגערט דעם וואקאל.

א סעקונדערע דערשיינונג איז די פארלענגערונג פון איבערגעקלונגענעם
אַ>אָ: 1) פאר א טאפל-ר, 2) ווען דורך א טוואראבהאקטי-וואקאל צווישן ר און
דעם קָ/סאנאנט נאך אים איז דער פאריקער טראף סעקונדער געעפנט. ביישפילן:
1) האָר (מה"ד hërre ), אָרן אדער האָרן (מה"ד(5 ërten ), פארשפאָרן; 2) די
וואָרעם.

דאס איז שוין א פראדוקט פון אנהויב אָ"י צייט, אבער פון די זעלביקע
פארלענגערונגס-טענדענצן וואס האבן געווירקט אין או"י און ארנטער די זעלביקע
באדינגונגען - דהיינו לויט כלל 1 און 2 פון די אויבן דערמאנטע כללים (דרייל
טאפל-ר איז או"י שוין פארייבפאכט ווי יעדע טאפל-קאנסאנאנץ). דער גורל פון
דעם אָ איז גלייך ווי אלע לאנגע וואקאלן אין יידיש (דעריבער ווייטער): צמז"י
האט עס פארקירצט (אדער אפשר פון אנהויב אן געלאזן קורץ), די איבריקע דיאלעקטן
האבן עס ביז היינט.

צום סוף דארפן מיר נאך דערמאנען ספעציפיש דיאלעקטישע אייגנטימלעכקייטן.

דאס ע אין בוקאווינער יידיש קומט אויס אפענער ווי אין די איבריקע
דיאלעקטן, נעענטער אביסל צום אַ, כמעט ווי א (=ä). דאס מאכט אמאל דעם איינדרוק
אז דער וואקאל איז (אויך) אביסל לענגער, האלב-לאנג; אבער ס'דאכט זיך נאר דורך
דעם ברייטערן עפענען די ליפן. דאס איז, ווייזט אויס, א השפעה פונעם דארטיקן
אוקראינישן דיאלעקט און שטאמט פון סוף אָ"י אדער אנהויב נ"י עפאכע.

דער גרעסטער טייל פון אוקראינע און צמז"י ארטיקולירט דאס ע פאר
א גוטוראלן נאזאל (ŋ) כמעט ווי א דיפטאנג: בעינקען, לעינג. דאס איז א רעזולטאט
פון קאנטאמינאציע פונעם גוטוראלן נאזאל (א ספעציפיש דייטשן אדער מערב-
אייראפעישן קלאנג, וואס זיין ארטיקולאציע איז אביסל אפגעשוואכט אין מזרח
אונטער סלאווישער השפעה) מיט דעם ענלעכן סלאווישן ń, nj וואס האט
בעשייגפערלעך באשאפן דארט א י. דאס איז אלזא ווידער ירנגע, סלאווישע השפעה,
פון סוף אָ"י אדער אנהויב נ"י צייט.

ד.

או"י ע האט זיך נאסט לאנג געהאלטן. פון נה"ד און אסך דייטשע דיאלעקטן
האט עס אריבערגענומען די טענדענץ צו פארמאכטער ארטיקולאציע, וואס האט נאך
עגזיסטירט א צייט לאנג אין אָ"י פעריאדע. מיט דער צייט אבער איז די ארטיקולאציע
אלץ שלאפער געווארן און האט זיך געשפאלטן אין א דיפטאנג מיט אן אפענעם ע, ד"ה
עי - אדאנק די טענדענצן פון א טייל דייטשע דיאלעקטן און אונטער השפעה פון
אפענעם סלאווישן e. דאס איז געשען אין גרעסטן טייל פון יידישן שפראכגעביט,
מ"י און דמע"י; צמז"י האט שוין אין אנהויב אָ"י צייט, אונטער סלאווישער השפעה,
מבטל געווען דעם אונטערשייד פון לאנג און קורץ, און אזוי האט עס געראטעוועט דעם
מאנאפטאנג ע - וואס איז ממילא אפן, ד"ה אידענטיש מיט ע < או"י ע.

ביישפילן: מ"י און מע"י - (מה"ד ë) געיל, פעידער, בעיזעם, ווייסער,
בעיר, געירן; (מה"ד ä) שעימען זיך, גלעיזל, פעירד, בעירדל; (מה"ד ae) קעיז,
שפעיט, פעילן; (מה"ד ê) מעיר (קאמפאראטיוו), עירלעך; (מה"ד ę) מעיר (ים),
שוועלן; (מה"ד oe) פארשטעירן, העירן. צמז"י - געל, גערן, בערדל, מער א"ו.

איצט לאמיר גענויער באטראכטן די דיאלעקטן.

הגם אין מע"י (אויך עלזאס) איז דער דערמאנטער דיפטאנג היימיש, מוז
מען קאנסטאטירן אז דארט האט זיך נאך אהוץ דעם אין די ערטיקע געגנטן
באאייגפלוסט פון נה"ד, ביז צולעצט אפגעהיט די פארמאכטע ארטיקולאציע פון ע, טיי
אין געשטאלט פון א ריינעם מאנאפטאנג, טיי דורך קאנטאמינאציע און געשטאלט
פון [illegible] עי (געל, פעלן אדער געיל, פעילן).

אין בוקאווינע איז דאס ע פון דיפטאנג אפענער ווי אין אנדערע דיאלעקטן-
גאך דייטלעכער ווי ביים קורצן ע (זע קאפיטל ג) - און נעמט אויף זיך נאך מער
אריבער דעם שווערפונקט פונעם אקצענט; דעריבער איז דאס י ווייניקער בולט, און
דער קלאנג דערנענטערט זיך צום או"י מאנאפטאנג. און אז עס קומט אויס פאר ר
(וואס ניוועלירט דאס פאלאטאלע י), קען מען הערן א ריין ע פונקט ווי עס האט
מסתמא געקלונגען אין או"י.

וועלאראיבערקלאנג, ווי ביים קורצן ע, איז ביים ע גישט נאטירלעך,
ווייל 1) א לאנגער וואקאל קען זיך בעסער אנטקעגנשטעלן, 2) די טענדענץ איז דא פון
אנהויב אן געגאנגען אין ריכטונג פון פאלאטאליזאציע (פארמאכטער וואקאל אדער דיפט-
טאנג) - און ווען אין צמז"י איז אנטשטאנען דער קורצער ע, איז דארט שוין געווען
שפעט. אבער אין א טייל מע"י דיאלעקטן, למשל ווארשע, טרעפט זיך פארט (למשל

5) אין מיטלדייטשע דיאלעקטן.

לאַרער = לערער); נאָך אין אנהויב, ווען דאס ע̄ איז געווען אפן, האט עס דער כוח פון ווערלאַרײַבערקלאַנג מיט זיך מיטגעריסן.

דער ע̣י-געביט אין דער אוקראַיִנע איז בײַם אידענטיש מיטן שטח פון מ"י אוקראַיִנע. דער צפון פון מ"י אוקראַיִנע און אין שכנות א טייל פון פּויליש וואלין ד"ה ביים איבערגאַנג צו צמז"י – האבן ? (נ – פארמאַכט), א (אפן ווי סלאַוויש ע̣ ) אדער ? אנטקעגן או"י ע̣, למשל: הידן, פילן, פאלן, הלדן (הערן, פעלן). ס'איז א סברה אז מיר האבן דא פאר זיך א מין קאָנטאַמינאַציע פון מ"י און צמז"י קלאַנג. ווען דאס פארמאַכטע ע האט אנגעהויבן איבערגײן אין ע̣י און ע̣, האט זיך דא געהאלטן די טענדענץ ווייטער צו ארטיקולירן א פארמאַכטן מאנאפטאנג, אין (אומבאוווסטן) קעגנזאַץ צו מ"י און צמז"י, דאס הייסט מיט עלימינאַציע פון דעם וואס איז ספּעציפיש פאר ביידע. גראַפיש קענען מיר דאס אויסדריקן אט אזוי:
ע̣י-ע=י. פאַנעטיש באַטראַכט-ליגט ? אין באַצוג אויף ע̣ געניי אין דער קעגנגעזעצטער ריכטונג ווי ע̣; אזוי ווי ע̣ איז פון איין זייט דער נאָענטסטער שכן, אזוי איז ? פון דער אנדערער (ס'איז אפילו דער איינציקער פארמאַכטער שכן, דער איינציקער פארמאַכטער פאלאַטאַלער וואָקאַל וואס איז איבערגעבליבן און יידיש). דערצו דארף מען נאָך צורעכענען, אז אויך פון דייטשע דיאַלעקטן האט שוין (אריפגעגומען) יידיש אײַן זיך די טענדענץ צו פארמאַכן ע̄>?. פארשטייט זיך, אז דער קלאַנג איז לכתחלה געווען לאַנג און פארמאַכט, נאָר באַאײַנפלוסט פון צמז"י האבן אים א טייל ערטער פארקירצט צו ?, און אז ער איז שוין געווען קורץ, האט ער זיך שוין אפטמאָלס געעפנט אויך, צו א.

?< או"י ע̄ איז פריער געווען פיל מער פארבריייטעט ווי הײַנט. שפּורן דערפון טרעפט מען נאָך אין א סך פארשפּרייטע ארטשאפטן, בפרט אין דער געגנט פון צמז"י אדער טומ"י, סיי ווי אן אלגעמיינע דערשייַנונג, סיי אין איינציקע ווערטער. אויך אין א ריי ב עמישע ארטשאפטן האט עס געלעבט, איידער עס איז ארויסגעשטופּט געוואָרן פון ע̣י אדער ע̣. און אויך דארט קען מען עס דערקלערן אויף אן ענלעכן אופן, ווייל אויך דארט האט זיכער געהערשט די טענדענץ אפצוהיטן דעם פארמאַכטן קלאַנג גראָד ווען מען האט זיך גענומען עפענען דאס ע.

ווען מיר רעדן פון צמז"י פארקירצונג פון לאַנגע וואָקאַלן, דארפן מיר תמיד ארויסנעמען פון כלל דעם קורלענדישן דיאַלעקט, וואס האט איבעראַל אפגעהיט דעם קוואַנטיטעטן – ארגעטערשיד, דורך אײַנפלוס פון קורלענדיש דייטש. אויך די אפענע קוואַליטעט פון ע איז באַאײַנפלוסט פון קורלענדיש דייטש. אזוי איז געבליבן אין קורלאַנד א קלאַנג וואס איז ענלעך צו או"י ע̄.

ה.

אומז"י ע̄(י) האט (ווי מיר האבן געזען) תיכף אין אנהויב שוין באַוויזן דאס שטרעבן צו דיפטאַנגירונג, ווי א רעאַקציע דווקא אויף דעם מאָנאָפטאַנגירונגס-פראצעס פון מה"ד *öu, ei* , וואס איז געווען די באַזע פארן אומז"י קלאַנג. מיר דארפן דערפאר משער זײַן אז אומז"י ~~אײַ~~ ע̄(י)>ע̣י איז שוין א פאקט אין אלהרב א"י צייט. דער וועג, הייסט עס, איז געווען דור איינגענער ווי ביי או"י ע̄, נאָר מיטא הונדערט יאר פריער. אנדערש ארויסגעדרוקט: או"י ע̄ נעמט איין אין זיין אנטוויקלונג אט די פאזיציע וואס או"י ע̄(י) האט זיי פארלאָזט – א כאַראַקטעריסטישע דערשייַנונג אין דער אנטוויקלונג פון אסך שפּראַכן. צוויי שכנותדיקע קלאַנגען שטיצן/איינער דעם אנדערן אדאַנק זייער דיפערענץ: אזוי לאַנג ווי איינער האלט זיך, האלט זיך דער אנדערער אויך, דורך דעם באַדערפעניש צו היטן די דיפערענץ; רוקט זיך אבער דער ערשטער אוועק פון זיין פאזיציע, לאָזט זיך שוין דער אנדערער אים נאָך, און דער רוים צווישן זיי בלייבט אלץ נאָך דער זעלבער. נאָך וואס דען – ניטש תמיד געלינגט עס אפצוהיטן דעם צווישנרוים, און אמאל טרעפט זיך, אז איין קלאַנג דעריאָגט דעם אנדערן אויף דעם וועג, און זיי פאלן צונויף. אויך דא איז עס אין א טייל דיאַלעקטן געשען.

אזוי ארום האט צמז"י שוין באַקומען א פארטיקן דיפטאַנג, נאָך איידער ס'האט באַוויזן צו פארקירצן די לאַנגע וואָקאַלן; ממילא האט עס שוין געטריי אפגעהיט דאס ע̣י. בכלל איז דא ע אן אפענער וואָקאַל ווי דאס קורצע ע. אבער א ריי דיאַלעקטן, ספּעציעל ווייסרוסישע און וואַלינישע האבן דעם קלאַנג פארשונקען, אזוי אז דער דיפטאַנג הערט זיך ווי אַי. און אנטקעגן דעם קליינגט דאס ע אין קורלאַנד ווידער גאַנץ אפן ווי אַי-פארשטייט זיך ווידער אונטערגעשטיצט דורך קורלענדיש דייטש.

מ"י אין נישט אזוי קאנסערוואטיוו ווי צמז"י. דעם קלאנג אַי ב
פאר א יסוד צו זיין ווייטערדיקער אנטוויקלונג. נאכדעם ווי דער פא
מאנאפטאנג איז שוין געשטאלטן געווארן אויף אן אפענעם אָ + פארמאכ
שוין אנטשטאנען די טענדענץ צו עפענען דאס ע אליין מער און מער; די
אלזא: אַי>אַי>אַי. דער וועג איז פריי געווארן, נאכדעם ווי יידיש
אין גאנצן באפרייט פון די אלטע מאנאפטאנגירונגס-טענדענצן.

גאר שטארק איז אבער די באוועגונג נישט געווען. ביזן טו
צייט האט זי באוויזן ארומצונעמען גאנץ מעמ"י (די באוועגונג איז
פון מערב קיין מזרח), אויף מזמ"י טעריטאריע האט זי שוין נישט גע
נגען. אזוי ארום איז אין מזמ"י צונויפגעפאלן דער דיפטאנג עַי או
עי<או"י עָ - בשעת אין מעמ"י איז געבליבן די דיפערענץ צווישן בי
עָ(י) און עַי< או"י עָ; און אזוי אויך אין צמז"י עי<או"י עָ(י) און
נאר אין א טייל גענענדן טרעפט מען נאך א געוויסע דיפערענצירונג
רעדט מען ארויס אביסל דיפטאנגישער, מיט שטארקערער באטאנונג פון

בוקאווינער

דאס מזמ"י עַי קלינגט אביסל אפענער ווי אין צמז"י. גאר א
עס ווידער אין בוקאווינע, און ספעציעל ביים איבערגאנג צו מעמ"
דארט אַי, אמאל אפילו שוין כמעט ווי אַי (לאָמיר עס באצייכענען
נאך. נאכדעם ווי די 2 עטימאלאגיש פארשידענע אַי זענען שוין צוגו
ממילא פאסירט שוין ביידע דער זעלבער גורל, און אויב מען הערט ש
קלאנג אַי, הערט מען אָט שוין אין ווערטער מיט או"י עָ אויך: ווער
זאגט שוין אויך שוואיבעלע, וואָרן ווער ס'זאגט לאָיבעלע, זאגט דא
שוואָיבעלע - און ער ווייס נישט אין מעמ"י זאגט מען לאַיבעלע און

אז

ביישפילן פאר אומז"י עָ(י) אין היינטיקן יידיש:
צמז"י און מזמ"י - (מה"ד ë) קעיט, לעיגן, צעילן; (מה"ד ö) עיוו
(מה"ד ê) עיביק, וועיטיק, שטעין; (מה"ד oe) שעין, פרעילעך; (מה
פלעיש, זעיגער; (מה"ד ü) פרעיד, בעימער;

מעמ"י - קאַיט, אַיווונס, שטאַין אא"וו;
אין ליטעראַרישן יידיש שרייבן מיר דא: קייט, אייוונס, שט

שטיין

צום סוף דארף מען דא דער מאַנען א כאראקטעריסטישן ביים עָ
ר - צעָכן, וועָכער, רעָרן (צייכן, וויישר, רייערן) - און צפון פו
(למשל באורדיטשעוו) און א טייל פון שכנות קן וואלין (למשל ראוו
פאראלעל קען מען הערן אין א טייל מעמ"י דיאלעקטן כמעט א רייגעט
ס'איז ווידער דער אייגענער וועלאריזאציע-פראצעס ווי אויבן. דאר
דעם שטארקן קנטראסט צווישן פאלאטאלן וואקאל און וועלארן קאנסאנ
מען זין, ווי ווייט מעגלעך, זיי צו דערנענטערן אין דער אויסשראן

ו.

אומע"י עָ האט זיך געקאנט לאנג האלטן ווי א מאנאפטאנג,
השפעה פון נה"ד, פונקט ווי דער עַי<או"י עָ דורך דעם זענען טאקע ב
צונויפגעפאלן, נאך אין אנהויב אַ"י צייט. די ווייטערדיקע אנטוויק
דעריבער געווען א געמיינשאפטלעכע, און די רעזולטאטן זענען די
אויבן (קאפיטל ד). ביישפילן: קעָים, לעָיגן, שטעָין, פרעָילעך אדער
שטעָן, פרעָלעך, (פונקט ווי געָיל, פעָילן אדער געָל, פעָלן).

דארט וווּ ס'איז אריינגעדרונגען דאס מעמ"י אַי< או"י עָ
זיך אויסגעמישט מיט דעם מע"י יסוד (למשל שאַפּאַ אין מערן, ווו די
איז געמישט), פארשטייט זיך, אז עס האט שוין ארומגענומען או"י עָ
קיין דיפערענץ האט מען דאך שוין נישט געוווסט (פונקט ווי אויבן
און מעמ"י - קאפיטל ה): אז מען האט שוין געזאגט קאַיט, לאַיגן,
געזאגט גאַיל, פאַילן אויך.

דערפאר האט זיך אבער טייטלעך אפגעהיט די דיפערענץ קעג
דא האט שוין אין אנהויב אַ"י צייט דער שווערפונקט פון אקצענט אל
קאנצענטרירט אויפן ערשטן טייל פון דיפטאנג, אזוי אז דאס י איז

מ"י אין ניט אזוי קאנסערוואטיוו ווי צמז"י. דעם קלאנג ע־י באנוצט עס נאר
פאר א יסוד צו זיין ווייטערדיקער אנטוויקלונג. נאכדעם ווי דער פארמאכטער
מאנאפטאנג איז שוין געשפאלטן געווארן אויף אן אפענעם ע + פארמאכט י (ע>עי) איז
שוין אנטשטאנען די טענדענץ צו עפענען דאס ע אלץ מער און מער; דער וועג איז
אלזא: עי> ײַ> אַי. דער וועג איז פריי געווארן, נאכדעם ווי יידיש האט זיך שוין
אין גאנצן באפרייט פון די אלטע מאנאפטאנגירונגס־טענדענצן.

נאר שטארק איז אבער די באוועגונג ניט געווען. ביזן סוף פון א"י
צייט האט זי באוויזן ארומצונעמען גאנץ מעמ"י (די באוועגונג איז ווידער געגאנגען
פון מערב קיין מזרח), אויף מזמ"י טעריטאריע האט זי שוין ניט געקענט אריינדרינגען. אזוי ארום איז אין מזמ"י צונויפגעפאלן דער דיפטאנג עי< או"י ע(י) מיט
עי<או"י ע – בשעת אין מעמ"י איז געבליבן די דיפערענץ צווישן ביידע: אי<או"י
ע(י) און עי< או"י ע; און אזוי אויך אין צמז"י עי<או"י ע(י) און ע<או"י ע.
נאר אין א טייל געגענטן טרעפט מען נאך א געוויסע דיפערענצירונג: עי<או"י ע(י)
רעדט מען ארויס אביסל דיפטאנגישער, מיט שטארקערער באטאנונג פונעם י.

דאס מזמ"י עי קלינגט אביסל אפענער ווי אין צמז"י. נאר אפן הערט מען
עס ווידער אין בוקאווינע, און ספעציעל ביים איבערגאנג צו מעמ"י – מען הערט
דארט אי, אמאל אפילו שוין כמעט ווי אַי (לאמיר עס באצייכענען אי). און מער
נאך. נאכדעם ווי די 2 עטימאלאגיש פארשידענע עי זענען שוין צונויפגעפאלן, איז
ממילא פאסירט שוין ביידע דער זעלבער גורל, און אויב מען הערט שוין ערגעץ א
קלאנג אי, הערט מען אם שוין אין ווערטער מיט או"י ע אויך: ווער ס'זאגט לאיבעלע,
זאגט שוין אויך שוואיבעלע, וואָרן ווער ס'זאגט לאָיבעלע, זאגט דאך אויך
שוואָיבעלע – און ער ווייס ניט, אין מעמ"י זאגט מען לאַיבעלע און שוועיבעלע.

ביישפילן פאר אומז"י ע(י) אין הײַנטיקן יידיש:
צמז"י און מזמ"י – (מה"ד ê) קעיט, לעיגן, צעילן; (מה"ד ô) עיוונס, עילבערטן;
(מה"ד ê) עיביק, ווייטיק, שטעין; (מה"ד œ) שעין, פרעילעך; (מה"ד ei) שטעין,
פלעיט, זעיגער; (מה"ד ü) פרעיד, בעימער;

מעמ"י – קאַיט, אַיוונס, שטאַין אא"וו;
אין ליטעראַרישן יידיש שרייבן מיר דא: קייט, אייוונס, שטיין אא"וו.

צום סוף דארף מען דא דער מאנען א כאראקטעריסטישן ביים ע<ע פאר כ און
ר – צאָכן, וואָכער, ראָרן (צייכן, ווייכער, רייערן) – אין צפון פון מ"י אוקראינע
(למשל בארדיטשעוו) און א טייל פון שכנות'דיקן וואלין (למשל ראוונע). און
פאראלעל קען מען הערן אין א טייל מעמ"י דיאלעקטן כמעט א ריינעם אַ<אַי (צאַכן).
ס'איז ווידער דער אייגענער ווענלאריזאציע־פראצעס ווי אויבן. דארט ווו מען פילט
דעם שטארקן קאנטראסט צווישן פאלאטאלן וואקאל און וועלארן קאנסאנאנט, באמיט
מען זיך, ווי ווייט מעגלעך, זיי צו דערנענטערן אין דער אויססראך.

ו.

אומע"י ע האט זיך געקאנט לאנג האלטן ווי א מאנאפטאנג, אדאנק דער
השפעה פון נה"ד, פונקט ווי דער אָ<או"י ֹ דורך דעם זענען טאקע ביידע
צונויפגעפאלן, נאך אין אנהויב א"י צייט. די ווייטערדיקע אנטוויקלונג איז
דעריבער געווען א געמיינשאפטלעכע, און די רעזולטאטן זענען די זעלבע ווי
אויבן (קאפיטל ד). ביישפילן: קעיט, לעיגן, שטעין, פרעילעך אדער קאָט, לאָגן,
שטאָן, פראָלעך, (פונקט ווי געיל, פעילן אדער גאָל, פאָלן).

דארט ווו ס'איז ארייננעדרונגען דאס מעמ"י אי< או"י ע און עס האט
זיך אויסגעמישט מיט דעם מע"י יסוד (למשל שאפא אין מערן, ווו די באפעלקערונג
איז געמישט), פארשטייט זיך, אז עס האט שוין ארומגענומען או"י ע אויך, ווייל
קיין דיפערענץ האט מען דאך שוין ניט געוווסט (פונקט ווי אויבן צווישן מזמ"י
און מעמ"י – קאפיטל ה): אז מען האט שוין געזאגט קאַיט, לאַיגן, האט מען שוין
געזאגט גאַיל, פאַילן אויך.

דערפאר האט זיך אבער דייטלעך אפגעהיט די דיפערענץ קעגן אומע"י אַי.
דא האט שוין אין אנהויב א"י צייט דער שווערפונקט פון אקצענט אלץ מער זיך
קאנצענטרירט אויפן ערשטן טייל פון דיפטאנג, אזוי אז דאס י איז אלץ שוואכער

געוואָרן ביז עס איז פאַרשוווּנדן. ס'איז אין פּרינציפּ נישט אַנדערש נאָר אַ פאָרט-זעצונג פונעם וועג ע̄>אַי (קאַפּיטל ה): די טענדענץ אַלץ מער צו עפענען, ד"ה צו דערנענטערן צו דער וועלאַרער אַרטיקולאַציע, פּירט, באַכדעם ווי ס'האָט שוין דערגרייכט דעם וועלאַרן וואָקאַל אַ, דערצו אַפּצושוואַכן דעם פּאַלאַטאַלן בייקלאַנג - אַי > אַ̄י > אַ̄(י) > אַ̄. מ"י האָט נישט געקאָנט גיין אַזוי ווייט, ווייל ס'האָט דערגרייכט די סטאַדיע אַי ערשט צום סוף פון דער אַ"י פּעריאָדע, אָבער מע"י האָט שוין אָנגעהויבן די דאָזיקע אַנטוויקלונג פון דער אַז"י פּעריאָדע. דעריבער הערן מיר דאָ: (מה"ד ei ) שפּאַן, פּלאַץ; (מה"ד ou) פראַד, באָטער.

און אַט די גרויסע דיפערענץ צווישן מה"ד oe, ê און ou, ei - צווישן שפּען און שפּאַן, פרעלעך און פראַד - איז איינער פון די בולטסטע סימנים פון מע"י. אין יעדן מז"י דיאַלעקט האָבן מיר איין קלאַנג אין אַלע ווערטער - שטיין און שפּיין, פריילעך און פרייד. ווייל דאָ איז שוין גאָר אַן אַלטע דיפערענץ צווישן מז"י און מע"י, שוין פון או"י צייט.

ז.

אויב מיר רעסומירן די נאָרמאַלע אַנטוויקלונג, פון או"י ביז נ"י (און מיר נעמען לעת עתה נישט אין באַטראַכט אייניציקע בייטן, ווי וועלאַריזירקלאַנג אא"וו), זאָ זען מיר אַז די ע-קלאַנגען האָבן זיך אין רוב פון יידישן שפּראַכגעביט נאָך ווייטער פאַרייניפאַכט - אַנשטאָט 3 נאָר 2 קלאַנגען און אַנשטאָט 4 נאָר 3:

| ארמז"י | < | צמז"י | | מ"ס | | מע"י | > | ארמע"י |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| | | קורלאַנד | רעשט צמז"י | מזמ"י | מעמ"י | | | |
| עֶ | < | עֶ | עֶ | עֶ | עֶ | עֶ | > | עֶ |
| עֶ̄ | < | עֶ̄ | " | עֶי | עֶי | עֶי-עֶ̄ | > | עֶ̄ |
| (י)עֶ̄ | < | אֶי | עֶי | " | אַי | " " | > | עֶ̄ |
| | | | | | | E̲ | > | אַי |

נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט דעם וועג פון דער אַנטוויקלונג, לאָמיר זיך צוקוקן, פון וואַנען שטאַמען די פאָנעטישע כוחות וואָס האָבן באַשטימט דעם דאָזיקן וועג.

דער שפּעטמה"ד פּראָצעס פון וואָקאַל-פאַרלענגערונג איז אין יידיש זיכער דורכגעפירט לויט עטלעכע דייטשע דיאַלעקטן, וואָס האָבן זיך אויסגעמישט, און אַזוי פאַרשטייען מיר אויך די דיפערענצן צווישן יידיש און דער נה"ד שריפטשפּראַך. אָבער מען דאַרף מודה זיין, אַז די דיפערענצן זענען נישט אַזוי שטאַרק, ווי למשל ביי אַסך דייטשע דיאַלעקטן קעגנאיבער נה"ד. פון דאַנען קענען מיר דרינגען:

1) אַז יידיש איז טאַקע באַאיינפלוסט פון דער שריפטשפּראַך גופא, זיכער מער איידער דער רוב דייטשע דיאַלעקטן - און דאָס איז אַ פועל יוצא פון אַ) שטאַרקע יידישע באַציונגען צו קאַפּיטאַלן און הייף, ב) באַטייען זיך צו רעדן איבער-דיאַלעקטיש ביים משא ומתן צווישן יידן פון פאַרשידענע שטחים, ג) שטעטישן כאַראַקטער פון יידיש, ד) שטאַרקערן באַדינגען זיך מיט דער שפּראַך צו קולטורעלע צוועקן;

2) אַז יידיש שטייט אין דעם פּרט נענטער צו יענע דיאַלעקטן וואָס האָבן געשאַפן דעם יכוד פון דער נה"ד שריפט שפּראַך, ד"ה מיטלדייטש (אָמ"ד), ספּעציעל אויבערסעקסיש (אב"ס); מיט אב"ס שטימט זיך יידיש צונויף ספּעציעל אויך אין די ווערטער וואָס דיפערירן פון דער שריפטשפּראַך.

דער פאַרקירצונגס-פּראָצעס האָט אין יידיש פיל ווייניקער דערגרייכט ווי אין דער נה"ד שריפטשפּראַך. אין דעם פּרט איז טאַקע פאַראַן אין אַלגעמיין, און אויך לויט די באַזונדערע אויסנאַמען שטאַרקערע באַציונג צו די אויבער דייטשע (אב"ד), ד"ה בייריש-שוועבישע, דיאַלעקטן.

די פאר[illegible]נפאבונג פון קיילעכדיקע וואקאלן איז נישט, ווי מ
מיינען, א פועל יוצא פון סלאווישן איינפלוס. כאטש מיר האבן געז
פון קיילעכדיקע קלאנגען האט זיך נאך אפגעהיטן ביז אין אָ"י צייט
אבב, זען מיר דאס אין די מזרחדיקע דיאלעקטן, און גראד זיי זע
באאיינפלוסט פון סלאוויש – איז דאס שוין אן או"י פראצעס פון דער
ווען ער איז אויפגעטרעטן אויך אין די דייטשע דיאלעקטן, קודם בי
זיך עס אן אין 12 י"ה) און דערנאך אויך אָמ"ד, ספעציעל טיריגגיש
14 י"ה).

די או"י ברופירונג פון די מה"ד קלאנגען – ë, ä, ae א
טייט און ẹ, ê אויף דער אנדערער – איז טיפיש מ"ד; ווארן ב
זיי אנדערש. דארט זענען ae, ä אפן, ë, ê האלב־אפן,
און אין גרעסטן טייל פון בייריש איז אפילו מייסטנס ë שוין

דארט ווו אומז"י דיפערענצירט זיך פון אומע"י (ביי מה"ד ei
גייט־אומז"י. נאך די אָמ"ד דיאלעקטן וואס מאנאפטאנגירן ei > ê
י"ה, און אומע"י געבוי נאך בייריש וואס האט געהאלטן די ,או[illegible]ראן

פון די אָ"י קלאנגענבייטן דער עלטסטער איז דער ווערעלאראיזי
הויבט זיך שוין אן אין או"י צייט. אין די היינטיקע דייטשע דיאל
נאר נישט אזוי שטארק פארשפרייט ביי די ע־קלאנגען (מער ביים י),
בייריש, בעמישע און אָסטפרענקישע געגנטן געפינען זיך, הפחות ש
און אפטמאלס איז ער גאנץ דייטלעך. מען האט דעם איינדרוק, אז פר
געווען אסך שטארקער אנטוויקלט אויך ביי די ע־קלאנגען. פאר כ ט
היינט אין גאנצן נישט, ווייל כ איז דארט איבעראל שוין לאנג פאל
פאלאטאלע וואקאלן. אבער דער פרינציפ איז, פארשטייט זיך, דערזעל
ר. א קורצער איז נאר, וואס גראד עגערלענדיש יידיש האט אים נישט,
דייטש יא – זאל מען קלערן, אז דער איינפלוס פון דער נה"ד שריפט
אזוי שטארק געווען?

אויף דעם זעלבן פרינציפ באזירט די השפעה פון ר אויף לאנג
וואקאל קען זיך בעסער האלטן ווי א קורצער, אבער פארענדערט האט ע
פארמאכטע וואקאלן זענען געווארן אפן – מה"ד ê, oe און ẹ (פארל
אנ"י ẹ̄, אבער או"י ẹ̄ > ā איז שוין נאר כאראקטעריסטיש פאר שטאר
ענדיקע דיאלעקטן. און דערזעלבער פרינציפ איז אויך שטעטער די ס
ā פאר ר אדער כ אין א טייל דיאלעקטן. פארשידענע צייטן, פארשיד
פארשידענע ווערטער, פארשידענע רעזולטאטן – אבער איין פרינציפ א

נאך דער אמ"ד מאנאפטאנגירונג ei > אומז"י ẹ̄(י) האט זיך
אנגעהויבן א שטארקער קאמף פון די בייערישע כוחות קעגן דעם דאזיק
וואס האט זיך פארענדיקט מיט א פולן נצחון אויפן שטח פון מעמ"י
דערגרייכט צוריק ווייער אַי), און אין צמז"י און מזמ"י למחות ביי
און נאך געווינען האבן זיי דערביי וואס זיי האבן שוין פאנגעשלעפט
ê, oe; ווארן־ווידער די איבערעפאנסע דערשיינונג – אז מען
שוין נישט צווישן דעם אלטן מאנאפטאנג און דעם נייעם, קען מען
אפשיידן ווען מען דיפטאנגירט צוריק אט דעם לעצטן.

מע"י, וואס האט שוין דערגרייכט די סטאדיע אַי און [illegible] צ
ווייטערגעפירט ביז אַ̄, פונקט ווי דער רוב בייערישע דיאלעקטן. אבער
האט עס דורך דעם די אלטע מאנאפטאנגען ê, oe, וואס זענען די גאנ
געבליבן מן הצד. אויך דער צונויפפאל פון או"י ẹ̄ מיט או"י ā אין
צייט) איז בייריש – ווי מער האבן שוין געזען ביי דער ג רופירונ
און ë – הגם שפעטער איז עס שוין כמעט א כלל־דייטשע דערשיינונג

איבער דעם ביים ẹ̄ > עי דארפן מיר אסך נישט רעדן. ס'איז ד
וועג ווי ביי אומז"י ẹ̄(י), נאר אין א שפעטערער צייט, ממילא איז
פון דיזעלבע כוחות. נאר אפשטעלן דארף מען זיך נאך א מאמענט איב
ẹ̄ > ī. דער מקור פון די פאנעטישע כוחות וואס האבן זיכער באשיי
דעם פראצעס, איז ווייזט אויס אין שלעזיע און אפאר שכנותדיקע אָמ"
אבער אויך אין שכנותדיקע נאָרדבייערישע און אויבערפרענקישע געגנט
ניורנבערגער קאנט).

די פארבינדונג פון קיילעכדיקע וואקאלן איז גיכער, ווי מיר וואָלטן געקאנט מיינען, א פּועל יוצא פון סלאַווישן איינפלוס. כאָטש מיר האָבן געזען אז די שפור פון קיילעכדיקע קלאנגען האט זיך נאך אפגעהיטן ביז אין אַ"י צייט (קאפיטל ג) - אבל, זען מיר דאס אין די מזרחדיקע דיאלעקטן, און גראד זיי זענען גיכער באאיינפלוסט פון סלאַוויש - איז דאס טרין אן אַ"י פּראצעס פון דער זעלבער צייט ווען ער איז אריבערגעטראָטן אויך אין די דייטשע דיאלעקטן, קודם בייריש (דא הויבט זיך עס אן אין 12 י"ה) און דערנאך אויך אָמ"ד, ספּעציעל טירינגיש - אב"ס (ביז 14 י"ה).

די אַ"י גרופּירונג פון די מה"ד קלאנגען - $ae$, $\ddot{a}$, $\ddot{e}$ אויף איין זייט און $\hat{e}$, $\dot{e}$ אויף דער אנדערער - איז טיפּיש מ"ד; ווארן בייריש גרופּירט זיי אנדערש. דארט זענען $ae$, $\ddot{a}$ אפן, $\ddot{e}$, $\hat{e}$ האלב-אפן, $\dot{e}$ פארמאכט; און אין גרעסטן טייל פון בייריש איז אפילו מייסטנס $\ddot{e}$ זיין אידענטיש מיט $\dot{e}$.

דארט ווו אומזי"י דיפערענצירט זיך פון אומע"י (ביי מה"ד $ei$ - זע קאפּיטל ו), גייט אומזי"י נאך די אָמ"ד דיאלעקטן וואס מאנאפטאנגירן $\hat{e} < ei$ זייט דעם 13 י"ה, און אומע"י געגאנגען נאך בייריש וואס האט געהאלטן די אורפארם $ei = ai$.

פון די אַ"י קלאנגענביישן דער עלטסטער איז דער וועלאראיבערקלאנג; ער הויבט זיך טרין אן אין אַ"י צייט. אין די היינטיקע דייטשע דיאלעקטן איז ער גאר ניט אזוי שטארק פארשפרייט ביי די צ-קלאנגען (מער ביים צ), אבער אין אסך בייערישע, בעמישע און אסטפרענקישע געגנטן געפינען זיך, לכל הפחות שפורן פון אים, און אפטמאלס איז ער גאנץ דייטלעך. מען האט דעם איינדרוק, אז פריער איז ער געווען אסך שטארקער אנטוויקלט אויך ביי די ע-קלאנגען. פאר כ טרעפן מיר אים היינט אין גאנצן ניט, ווייל כ איז דארט איבעראל טרין לאנג פאלאטאל נאך די פאלאטאלע וואקאלן. אבער דער פּרינציפּ איז, פארשטייט זיך, דערזעלבער ווי ביי ר. א קורצער איז נאר, וואס גראד עגערלענדיש יידיש האט אים ניט, און עגערלענדיש דייטש יא - זאל מען קלערן, אז דער איינפלוס פון דער נה"ד שריפטשפראך איז דא אזוי שטארק געווען?

אויף דעם זעלבן פּרינציפּ באזירט די השפּעה פון ר אויף לאנגן ע. א לאנגער וואקאל קען זיך בעסער האלטן ווי א קורצער, אבער פארענדערט האט ער זיך דאך: די פארמאכטע וואקאלן זענען געווארן אפן - מה"ד $oe$, $\hat{e}$ און $\dot{e}$ (פארלענגערט) > אַ"י ע̄, אבער אַ"י ע̄ > אַ̄ איז טרין גאר כאראקטעריסטיש פאר שטארק איבערקליינגענדיקע דיאלעקטן. און דערזעלבער פּרינציפּ איז אויך שטעטער די סבה פון ע̄י > ע̄ פאר ר אדער כ אין א טייל דיאלעקטן. פארשיידענע צייטן, פארשיידענע דיאלעקטן, פארשיידענע ווערטער, פארשיידענע רעזולטאטן - אבער איין פּרינציפּ און איין מקור.

נאך דער אָמ"ד מאנאפטאנגירונג $ei$ > אומזי"י ע̄(י) האט זיך אין אַ"י צייט אנגעהויבן א שטארקער קאמף פון די בייערישע כוחות קעגן דעם דאזיקן רעזולטאט, וואס האט זיך פארענדיקט מיט א פולן נצחון אויפן שטח פון מעמ"י (ווו זיי האבן דערגרייכט צוריק זייער אַי), און אין צמז"י און מזמ"י לפחות מיט א האלבן (אַי). און נאך געווינען האבן זיי דערביי וואס זיי האבן טרין מיטגעשלעפט מיט זיך מה"ד $\hat{e}$, $oe$; ווארן ווידער די איבערעכאנטע דערשיינונג - אז מען דיפערענצירט טרין ניט צווישן דעם אלטן מאנאפטאנג און דעם נייעם, קען מען זיי טרין ניט אפשיידן ווען מען דיפטאנגירט צוריק אט דעם לעצטן.

מע"י, וואס האט טרין דערגרייכט די סטאדיע אַי און אַ"י צייט, האט עס ווייטערגעפירט ביז אַ̄, פּונקט ווי דער רוב בייערישע דיאלעקטן. אבער אנגעווירן האט ער דורך דעם די אלטע מאנאפטאנגען $oe$, $\hat{e}$, וואס זענען די גאנצע צייט געבליבן מן הצד. אויף דער צוזאמפאל פון אַ"י ע̄ מיט אַ"י ע̄ אין מע"י (אַ"י צייט) איז בייריש - ווי מער האבן טרין געזען ביי דער ג רופּירונג פון מה"ד $\hat{e}$ און $\ddot{e}$ - הגם שפּעטער איז עס טרין כמעט א כלל-דייטשע דערשיינונג.

איבער דעם ביים ע̄ > עי דארפן מיר אסך ניט רעדן. ס'איז דאך דער זעלבער וועג ווי ביי אומזי"י ע̄(י), נאר אין א שפּעטערער צייט, ממילא איז עס א רעזולטאט פון די זעלבע כוחות. נאר אפשטעלן דארף מען זיך נאך א מאמענט איבער דעם ביים ע̄ > ע̄. דער מקור פון די פאנעטישע כוחות וואס האבן זיכער באאיינפלוסט זיך אין דעם פּראצעס, איז ווייזט אויס אין סלאוויש און אפשר שכנותדיקע אָמ"ד דיאלעקטן, אבער אויך אין שכנותדיקע נאָרדביירישע און אויבערפרענקישע געגנטן (למשל נירנבערגער קאנט).

קען זיין, אז אֵי < ײַ(י) (דער הויפּט אין צמז"י) שטאמט אויך פון דעם זעלבן מקור, אויב ס'איז נישט סלאווישער איינפלוס. און פאַרשטענדלעך איז אויך וואס צמז"י איז איבערהויפּט שטאַרקער באאיינפלוסט פון סלאוויש, ווייל עס איז דאך אם מייסטן דערווייטערט פון דער דייטשער איינפלוס-ספערע און האט זיך אם פריסטן פון איר באפרייט (אחוץ קורלענדיש יידיש, פארשטייט זיך).

ח.

איצט לאמיר גענויער באטראכטן אפאר ווערטער, וואס אויפן ערשטן קוק קען זיך דאכטן, אז זיי זענען סותר די אויבן אויפגעשטעלטע כללים.

מ'וואלט זיך געקאנט וואנדערן איבער דער פארקירצונג פון וואקאל אין קלענער, ענגער, גרעסער. אבער דאס איז כאראקטעריסטיש פאר אסך מ"ד און א קליינעם טייל נארדביירישע דיאלעקטן (אפילו נאך אין מער קאמפאראטיוון). ... ווייזט אויס, אז דער סובערלאטיוו, ווו ס'טרעפן זיך צונויף דריי קאנסאנאנטן, האט משפיע געווען אויך אויפן קאמפאראטיוו (דורך אנאלאגיע).

פארקערט קען ווידער אויפפאלן די פארלענגערונג פון וואקאל אין נעסט (מײַ נעיסט, ד"ה או"י נעֶסט). אבער דאס איז ווידער שטארק פארשפרייט אין גאר א סך דיאלעקטן. די סבה איז דא געווען די באזונדערע טראפנאיינטיילונג: סט איז א קאנסטאנטע קאנסאנאנטן-גרופע, וואס מ'קען זי נישט פונאנדערריסן; דעריבער קומט אויס דער וואקאל אין מערצאל נע-סטער אין אן אפענעם טראף, און פון מערצאל איז ער אריבער דער לאנגער וואקאל אין איינצאל אויך.

מה"ד האט געהאט אין א פאר ווערטער ǵ נאך דעם וואקאל ae, און מיט דער צייט איז דערפון ארויסגעקומען א דיפטאנג, וואס האט זיך מסתמא אנגעהויבן אביסל אפענער ווי ei אבער דורכן פאלאטאלן ǵ און כוף איז ער אריין אויך צווישן די פארמאכטע קלאנגען. נאר, אזוי ווי ער איז געווען פארשידן פון ei, האט ער זיך מער צוגעפאסט צום ê. דערפאר געפינען מיר אין די דאזיקע ווערטער אין נה"ד לאנג ä (אידענטיש מיט e), אין אומז"י ײַ(י) און אין אומע"י ײַ, דהיינו: דרייען, קרייען, נייען, זייען, ווייען.

א סך באזונדערקייטן נעמען זיך דערפון, וואס אין מד"ד האבן געלעבט עטלעכע פארמען און אין יידיש האט זיך פארוואַרצלט נאר איינע פון זיי (אדער צוויי), נישט תמיד גראד די פארשפרייטסטע אין מה"ד אדער די נארמירטע אין נה"ד.

שעמען זיך האט מייסטנס מה"ד ẹ, אבער אויך ä – דערפאר או"י ײַ. לייב און לײַדיק ווידער האבן נארמאל מה"ד ë, אבער אויך ê, ẹ און אפילו öu, ö דורך דעם קיילעכדיקן ליפּן-קאנסאנאנט אין ווארט (lëwe) – דערפאר או"י ײַ(י)-ײַ.

מעגן און מעגלעך פארלאנגען או"י ײַ; אבער אין מה"ד שטייט גאר ü אדער u, און אין א טייל דיאלעקטן ö (ווי היינט אין נה"ד) – און דאס אלעס פאסט נישט. אבער אין אב"ד דיאלעקטן קען מען נאך טרעפן ביזן כוף פון מה"ד עפּאכע ẹ און אפילו ä, און אט דער לעצטער קלאנג איז אנגענומען אין יידיש. נאר אין א טייל יידישע (צמז"י און מזמ"י) דיאלעקטן זאגט מען מיגלעך, לויט דעם נארמאלן ü.

מה"ד ü פאר l און n בייט זיך אין מ"ד דיאלעקטן אפט אויף ö. אין יידיש זאגן מיר אויך קענען, אבער הילצערן (טייל דיאלעקטן העלצערן) און פארגינען.

בילן, גרילן – אנטקעגן מה"ד ë, און אילע-אנטקעגן מה"ד ä, באזירן ווידער אויף מ"ד פארמען. מ"ד i > e פאר l איז פונקט דער קעגנזאץ צו ö > ü. אין אמת דארפן מיר זיך פארשטעלן, אז אין מ"ד זענען געווען פאר l און n מיטלערע קלאנגען, צווישן e און i, אדער ö און ü.

מיר זאגן קעמל (גמל) אבער קוואל (מקור), מיר זאגן געשענק און דרשה-געשאנק – אין מה"ד האבן מיר דא סיי a סיי e.

צוויי ווערטער דערציילן אונז דערפון ווי שטארק ס'האט געמוזט זיין אמאל די ווירקונג פון אויבן דערמאנטן בייט או"י ײַ > ײ: גלײך (שנעל) און בלײטל (פון באַד). ביז אין איבערגאנג-מעמ"י זענען זיי ארייננגעדרונגען; גלײַך אדער פארקירצט גלײך הערשט אין גאנצן מזרח כמעט (סיי מ"י סיי צמז"י), נאר גאר ווייט אין צפון הערט מען דאס נארמאלע גלײך.

אין מה"ד האט דאס zëhen, ë פארשטייט זיך פארלענגערט, דערפירט צו או"י ײַ > צמז"י ײ. אבער מ"י שטייט נישט ײַי, נאר ײַ. הייסט עס, דער אלטער קלאנג האט זיך אפגעהיט. דער גורם איז געווען דאס לארינגאלע ה וואס האט זיך גראד צא געהאלטן בשעת אין אנדערע ווערטער (למשל זען) איז ער תיכף שטום געווארן.

אין מה"ד האט דאס ẹ, פארשטייט זיך פארלענגערט, געדארפט gegen דערפירן צו או"י ע̄(י) > מעמ"י אֵי, צמז"י און מזמ"י ֶעי. אבער קֵאיגן, אֵקֵאיגן הערט מען נאר אין עיקר-מעמ"י. אין רעשט מ"י שטעט ֶעי און אין צמז"י ֶע, פונקט ווי פון או"י ע̄. אבער אין מה"ד דיאלעקטן געפינען מיר אויך gägen, דער עיקר אין אלעמאניש און א טייל פרענקיש. ס'איז נאר איפפעליק, וואס דא האט גראד א מערב-דייטשע פארם געזיגט (און אפשר האט זי געהערשט אויף מזרח אויך?).

א פארמאכטער מה"ד וואקאל פאר ר דארף ברענגען או"י ע̄. אבער נאר אין א טייל פון צמז"י הערט מען זער, רער, מערן (נה"ד sehr, Röhre, Möhren) אין רעשט צמז"י הערשט ֶעי און אין מעמ"י אֵי, ד"ה או"י ע̄(י). ס'איז שווער צו פארענטפערן פארוואס די ר האט דא גאר נישט געפועלט. איפפעליק איז וואס אין אלע 3 ווערטער האט נה"ד א h נאכן וואקאל. וואלט מען ערשטנס געדארפט משער זיין, אז או"י האט געשעפט די דאזיקע ווערטער ערשט פון נה"ד6), און צווייטנס, אז נה"ד h האט דא נישט נאר אויפגעהאלטן די ווירקונג פון ר (אלייך h וואלט דאך געדארפט אויך אזוי ווירקן!), נאר אז ס'האט זיך, ווי אין א סך ווערטער צווישן וואקאלן, געביטן אויף א מין י. אביסל קשה בלייבט עס פארט.

אין מ"י זאגט מען רֵאיד-רֶעיד, אבער רעדן, אין צמז"י באניצט מען זיך בי ווערב אויך מיט/דער פארם רעידן, אבער אין דער פלעקסיע אין רעד. מיר האבן דא אן אפקלאנג פון צוויי מה"ד פארמען: reden און redden.

אויך צמז"י עמער (אנשטאט עימער) קאן אפשטאמען פון א צווייטער פארם emmer. אבער צמז"י לעבל (אנשטאט לעיבל - ברויט) קאן מען נישט פארענטפערן, סייד ווי א פארקירצונג פאר טאפל-קאנסאנאנץ; אין דייטשע דיאלעקטן האב איך עס נישט געפונען.

מעמ"י מֵאידל, צמז"י מֶעידל און מע"י מֵאדל האבן א בשותפותדיקן מקור (מה"ד ei). אויב מען הערט אבער מֶעידל אין מעמ"י געגענדן (למשל לֶאדז), קען עס נאר אפשטאמען פון אן אנדערער מה"ד פארם מיט ä.

אויב מיר טרעפן מ"י גלֵאיבן-גלֶעיבן (אנשטאט גלויבן), שטאמט עס טאקע פון א מ"ד (אויך נצרדביירישער) פארם מיט איבערקלאנג (öu), פונקט ווי די ווערטער טרֵאיסט- טרֶעיסט, אֵיבערשטער- ֶעיבערשטער אין כלל-יידיש (ö אנשטאט ... נארמאלן o). און אזוי שטאמט/מזמ"י בוימער (למשל בעסאראביע) און אנדערע ענלעכע פארמען איינפאך פון א נישט-איבערגעקלונגענער (ווייזט אויך ביירישער)מערצאל.

ט.

ווען מיר פארגלייכן דעם דייטשן עלעמענט אין יידיש מיטן העברעישן און סלאווישן, זען מיר, אז די זעלבע פאנעטישע כללים הערשן איבעראל. די פאנעטישע כוחות וואס האבן פארענדערט די ע-קלאנגען אין דייטשן עלעמענט האבן געטאן די אייגענע זאך אין די איבעריקע עלעמענטן, ווארן ס'איז דאך פארשטענדלעך, אז די טענדענצן, וואס האבן געהערשט אין דער שפראך, האבן נישט געפרעגט, פון וואנען נעמט זיך דער קלאנג (אדער דאס ווארט). הייסט עס, אז דער כאראקטער פון דער פאנעטישער אנטוויקלונג פון די העברעישע קלאנגען איז דייטש, דיאלעקטיש-דייטש

6) דאס איז זיכער מעגלעך; א ראיה איז מה"ד sêr למשל האט נאך גאר נישט דעם באטייט פון נה"ד און יידיש זייער.

7) די פרווון פון מ. מיזעס אין זיין בוך "די יידישע שפראך" (דייטש) און פון ש. בירנבוים אין ארטיקל "די היסטאריע פון די אלטע u -קלאנגען אין יידיש" (ייוו"א-בלעטער 6), צו באווייזן אז דער כאראקטער איז העברעיש, זענען נישט געראטן. ס'איז נישט דא דער ארט זיך דערבאטירן דעריבער. א פאר אלגעמיינע ראיות קען זיי דאב איך געבראכט אין מיין אויבן דערמאנטער דיסערטאציע. אבער אויך דא וועט וועלן מיר נאך געפינען א פאר ספעציעלע ראיות, ביישפי פון אבסאלוט נישט-העברעישע קלאנגען-בייטן.

אין מה"ד gegen האט דאס ẹ, פארשטייט זיך פארלענגערט, געדארפט דערפירן צו או"י ע̄(י) > מעמ"י אַי, צמז"י און מזמ"י ײַ. אבער קאַיגן, אַקאַיגן הערט מען נאר אין עיקר-מענ"י. אין רעשט מ"י שטעט ײַ און אין צמז"י אַ, פונקט ווי פון או"י ע̄. אבער אין מה"ד דיאלעקטן געפינען מיר אויך gägen, דער עיקר אין אלעמאניש און א טייל פרענקיש. ס'איז נאר אויפפעליק, וואס דא האט גראד א מערב-דייטשע פארם געזיגט (און אפשר האט זי געדערשט אויף מזרח אויך?).

א פארמאכטער מד"ד וואקאל פאר ר דארף ברענגען או"י ע̄. אבער נאר אין א טייל פון צמז"י הערט מען זער, רער, מערן (נה"ד sehr, Röhre, Möhren). אין רעשט צמז"י הערשט ײַ און אין מעמ"י אַי, ד"ה או"י ע̄(י). ס'איז שווער צו פארענטפערן פארוואס די ר האט דא גאר ניט געפועלט. אויפפעליק איז וואס אין אלע 3 ווערטער האט נה"ד א h נאכן וואקאל. וואלט מען ערשטנס געדארפט מער זיין, אז או"י האט געשטעלט די דאזיקע ווערטער ערשט פון נה"ד[6], און צווייטנס, אז נה"ד h האט דא ניט נאר אויפגעהאלטן די ווירקונג פון ר (h אליין וואלט דאך געדארפט אויך אזוי ווירקן!), נאר אז ס'האט זיך, ווי אין א סך ווערטער צווישן וואקאלן, געביטן אויף א מין י. אריסל קשה בלייבט עס פארט.

אין מ"י זאגט מען ראַיד-רעַיד, אבער רעדן, אין צמז"י באניצט מען זיך ביים ווערב אויך מיט/דער פארם רעידן, אבער אין דער פלעקסיע אין רעד. מיר האבן דא אן אפקלאנג פון צוויי מה"ד פארמען: reden און redden.

אויך צמז"י עמער (אנשטאט עימער) קאן אפשטאמען פון א צווייטער פארם emmer. אבער צמז"י לעבל (אנשטאט לעיבל - ברויט) קאן מען נישט פארענטפערן, סיידן ווי א פארקירצונג פאר טאפל-קאנסאנאנץ; אין דייטשע דיאלעקטן האב איך עס נישט געפונען.

מעמ"י מאַידל, צמז"י מעַידל און מע"י מאַדל האבן א בשותפותדיקן מקור (מה"ד ei). אויב מען הערט אבער מעַידל אין מעמ"י געגענדן (למשל לאָדז), קען עס נאר אפשטאמען פון אן אנדערער מה"ד פארם מיט ä.

אויב מיר טרעפן מ"י גלאַיבן-גלעַיבן (אנשטאט גלויבן), שטאמט עס טאקע פון א מ"ד (אויך נאָרדביירישער) פארם מיט איבערקלאנג (öu), פונקט ווי די ווערטער טראַיכט- טרעַיסט, אַיבערשטער- עַיבערשטער אין כלל-יידיש (אנשטאט נארמאלן ö). און אזוי שטאמט/מזכ"י ברימער (למשל בעסאראביע) און אנדערע ענלעכע פארמען איינפאך פון א נישט-איבערגעקלונגענער (ווייזט אויך ביירישער) מערצאל.

ט.

ווען מיר פארגלייכן דעם דייטשן עלעמענט אין יידיש מיטן העברעישן און סלאווישן, זען מיר, אז די זעלבע פאנעטישע כללים הערשן איבעראל. די פאנעטישע כוחות וואס האבן פארענדערט די ע-קלאנגען אין דייטשן עלעמענט האבן געטאן די אייגענע זאך אין די איבעריקע עלעמענטן, ווארן ס'איז דאך פארשטענדלעך, אז די טענדענצן, וואס האבן געהערשט אין דער שפראך, האבן נישט געפרעגט, פון וואנען נעמט זיך דער קלאנג (אדער דאס ווארט). הייסט עס, אז דער כאראקטער פון דער פאנעטישער אנטוויקלונג פון די העברעישע קלאנגען איז דייטש, דיאלעקטיש-דייטש[7].

---

6) דאס איז זיכער מעגלעך; א ראיה, אז מה"ד sêr למשל האט נאך גאר נישט דעם באטייט פון נה"ד און יידיש זייער.

7) די פרובן פון מ. מיזעס אין זיין בוך "די יידישע שפראך" (דייטש) און פון ש. בירנבוים אין ארטיקל "די היסטאריע פון די אלטע u-קלאנגען אין יידיש" (ייוו"א-בלעטער 6), צו באווייזן אז דער כאראקטער איז העברעיש, זענען נישט געראָטן. ס'איז נישט דא דער ארט צו דעבאטירן דעריבער. א פאר אלגעמיינע ראיות קעגן זיי האב איך געבראכט אין מיין אויבן דערמאנטער דיסערטאציע. אבער אויך דא וועלן מיר נאך געפינען א פאר ספעציעלע ראיות, ביישפילן פון אבסאלוט נישט-העברעישע קלאנגען-בייטן.

ווי מיר האבן שוין אויבן באוויזן. און כדי צו זען די איינצלקייטן אין דער אנטוויקלונג פון די העברעישע ע-קלאנגען, דארפן מיר זיי נאר צופירן ביז צו דעם פונקט ווו זיי טרעפן זיך צונויף מיט די דייטשע.[8] מיר דארפן, הייסט עס, נאר וויזן דעם וועג פון העברעיש ביז או"י – וויטער וועט שוין אלעס זיין באקאנט.

די פולע וואקאלן אין העברעיש זענען: סגול, אן אפן ע וואס איז תמיד געווען נאָנט צום פתח, און צירה, א פארמאכטער און אפשר שוין דיפטאנגישער קלאנג וואס איז תמיד געווען נאנט צום חירק.

אבער דא מוזן מיר ווידער קודם כל קאנסטאטירן דעם אקט פון פארלענגע-רונג און פארקירצונג לויט די אויבן (קאפיטל ב) דערמאנטע כללים. אזוי געפינען מיר פארלענגערונג פון סגול און צירה[9] אין אפענע טראפן: טבע, רגע, מלך, חדר, ספר, אבר – פארקירצונג פון צירה און פארמאכטע טראפן: בית-דין, כלי-זמר.

השנית, אויב מיר קוקן זיך צו צום היינטיקן יידיש, ווערן מיר געוואָר אז נישט איבעראל קלינגט דער סגול גלייך: טבע און חדר האבן דעם אייגענעם סגול, אבער אין חדר זאגט ער זיך ארויס פונקט ווי דער צירה אין ספר. פון וואנען נעמט זיך דאס? אין העברעיש גופא געפינען מיר נישט קיין דיפערענציאציע פון סגול. אבער ווען מיר געדענקען, אז די העברעישע ווערטער זענען נישט אלע געווארן פארייִדישט מיט איין מאל, נאר אין פארשידענע עפאכעס, און ווען מיר דערמאנען זיך דעם וועג פון או"י עֶ̄ און עֵ̄ – די אייגענע אנטוויקלונג, נאר אין פארשידענע צייטן (זע אויבן קאפיטל ה) – קענען מיר אלצדינג פארשטיין: א פארלענגערטער סגול, אויב ער איז עלטער, ד"ה פריער פארייִדישט, איז ער פריער געווארן פארמאכט און דיפטאנגירט (א"י עֵ̄), אויב ער איז יינגער, איז ער שפע-טער געווארן פארמאכט און דיפטאנגירט (או"י עֶ̄). און אז א פארקירצטער צירה קלינגט פונקט אזוי אפן ווי א קורצער סגול, אבער דעם וועלן מיר זיך אוודאי שוין נישט וואונדערן.

| קומט אויס, אז | ביישפילן: |
| --- | --- |
| א) סגול > או"י ֶע – אז ער איז געבליבן קורץ | א) אפשר, חשבון, חברה, הפקר, הקדש; |
| ב) " > " עֶ̄ – " " " שפעט געווארן לאנג | ב) נפש, שפע, לחם, סגול, שוא-[illegible] ושקר[10]; |
| ג) " > " עֶ̄ – " " " פרי געווארן לאנג | ג) שקר-בלבול[10], קבר, צל[illegible], פרק, פסח; |
| ד) צירה > " עֵ̄ – " " " געבליבן אדער געווארן לאנג | ד) חשק, ריח, פרות, מבין, פאה; |
| ה) " > " ֵע – " " " געבליבן אדער געווארן קורץ. | ה) מימרא, נס, חסא, לץ, מעת-לעת. |

או"י ע (> סגול אדער צירה) קען ווידער איבערקלינגען אויף א פאר ר אדער ח-כ (זע אויבן קאפיטל ג), למשל: הרפה (חרפה), מחמת (מחמת). אויך דיאלעקטישע (מזמ"י) וועלאריזאציע פון או"י.

ע̄ > ע̄ פאר ר, ח-כ (קאפיטל ה) טרעפן מיר ווידער ביים העברעישן עלעמענט ווי ביים דייטשן, למשל: גזֵרה (גזרה), עבֵרה (עברה). אויך די השפעה פון לארינגאלן ה אויף או"י ע̄ און אפילו ע̄ (קאפיטל ח), צו דערהאלטן אין גאנץ מ"י אן אפענעם לאנגן וואקאל, זען מיר למשל אין: זיך נֶהרגן, גֶהנום (גֵיהנום).

פארשטייט זיך, אז מיר שמועסן דא איבעראל נאר פון א סגול אדער צירה וואס איז געבליבן אקצענטואירט. די נישט-באטאנטע טראפן – און אין העברעישן עלעמענט האט זיך זייער אסך פארענדערט דורכן איבערריקן דעם אקצענט און אפשוואכן פון נישט-באטאנטע טראפן אויפן דייטשן שטייגער – זענען א פרשה פאר זיך.

---

8) דאס צונויפמישן זיך פון די עלעמענטן איז דאך אויך איינער פון די יסודות פון יידישן פראטאטיפ.

9) צירה איז אין העברעיש תמיד געווען פארמאכט, אבער נישט תמיד לאנג.

10) סטמאכט זיך אמאל אז דאס זעלבע ווארט איז צוויימאל אויפגענומען, איינמאל פריער און איינמאל שפעטער.

פארקערט דארפן מיר זיך אבער דא באשעפטיקן מיט אומבאטאנטע העברעישע וואקאלן, וואס זענען אין יידיש געווארן באטאנט.

דא איז קודם כל אינטערעסאנט דער חטף-סגול, וואס איז אין העברעיש קיינמאל נישט געווען באטאנט, למשל: אמת, אלול. הגם ער שטייט דא אין אן אפענעם טראף, האט זיך נאך דערהאלטן דער באוווסטזיין, אז ס'איז גאר א קורצער וואקאל, און דעריבער האט מען אים נישט פארלענגערט אפילו נאכדעם ווי ער איז געווארן באטאנט. אבער ווייזט אויס, אז דער באוווסטזיין איז געווארן געשטארקט דורך דעם אויג, וואס האט מסתמא אפט געזען דעם חטף אין ספרים. ווארן ווערטער, וואס זענען נישט פארגעקומען פארן אויג מיט נקודות, האבן זיך גאר אויסטערליש פארענדערט: אפילו שוא-נע, גאר שוואכער אומבאטאנטער ע, ווען ער איז נאך געווארן באטאנט און האט זיך געשאפן אין אייגענעם אפענעם טראף (דאס אליין איז שוין אין העברעיש נישט מעגלעך געווען!), איז געווארן פארלענגערט שוין גאר פרי און האט זיך אנטוויקלט ביז או"י ֶע, למשל: ווי-אֶדר (וְאדר), שיי-וואָ (שְׁוא)[11].

נאך אן אנדערן מין או"י ֶע דארפן מיר דא דערמאנען - אין ווערטער, וווּ העברעיש האט אין גאנצן נישט געהאט קיין ע נאר העכסטנס א חירק, למשל: טליתים, תעניתים, רביים, קדישים, דליתים, חזירים. מיר דערקענען שוין אין דער פארם פון מערצאל, אז זי איז אפט איבערהויפט נישט העברעיש (ס'וואלט דאך געדארפט הייסן טליות, תעניות!). דער יידישער שפראכבאוווסטזיין האט זיך דאס געשאפן די דאזיקע פארמען לויט דער פאר-יידישטער איינצאל, ווו דער חיריק אין אומבאטאנטן טראף איז, פארשטייט זיך, געווארן א שוואכער ע (טלעת, תענעת אא"וו). דורך דעם איבערריקן דעם אקצענט אויף דעם אומבאטאנטן ע אין מערצאל איז עס ווידער פארלענגערט געווארן, אבער איצט שוין אויפן וועג צו או"י ֶע. אזוי איז פארגעקומען א טאפלטער בייט: באטאנטער חיריק > אומבאטאנט ע > באטאנט ֶע - לויט העברעישע געזעצן אבסאלוט אוממעגלעך, לויט דייטש-יידישע אבסאלוט מעגלעך!

י.

אין סלאווישן עלעמענט הערשן ווידער די זעלבע פרינציפן ווי אין דייטשן און העברעישן - נאר שווערער זענען די ספעציעלערע באטראכטונגען. די סלאווישע שיכט איז די יינגסטע אין יידיש, די באציונגען צווישן יידיש און די סלאווישע שפראכן גרייכן ביז אין דער לעצטער צייט - און נייע לייווערטער זענען נישט קיין מאטעריאל פאר אונז. אלט מאטעריאל דערקענען מיר אויף זיכער נאר אין ווערטער, 1) וואס האבן פארענדערט די וואקאלן, אדער 2) וואס זענען געמיינשאפטלעך פאר אלע אדער ס'רוב יידישע דיאלעקטן. דעם ערשטן תנאי דערפילן, פארשטייט זיך, כמעט נאר ווערטער מיט לאנגע וואקאלן, און דאס איז זעלטן, ווייל נאר ווייניק רעשטלעך פון לאנגע וואקאלן אין אלטן סלאוויש האבן זיך אפגעהיט און נאר אין אפאר ווערטער איז דורכגעפירט די פארלענגערונג לויט דייטש-יידישן פרינציפ. און וואס אנבאלאנגט דעם צווייטן תנאי, האבן זיך א סך אלטע געמיינשאפטלעכע ווערטער מיט דער צייט פארט צוגעפאסט צו די נייע פארמען אין די סלאווישע שפראכן און קלינגען שוין היינט אין יעדן דיאלעקט א ביסל אנדערש. האבן מיר, הייסט עס, גאר ווינציק מאטעריאל און (ביי קורצע וואקאלן) נישט תמיד זיכער, אבער פאר אונז איז וויכטיקער דאס פרינציפיעלע ווי דאס ספעציעלע.

די עלטסטע עלעמענטן שטאמען פון דער צייט צווישן 12 און 15 י"ה[12], ד"ה ווידער פון או"י פעריאדע, פון די אלטע פויליש-רייסישע דיאלעקטן, וואס זענען נאך נישט געווען שטארק דיפערענצירט, אזוי אז מען קען נאך אנקניפן אן א געמיינשאפטלעכן סלאווישן שורש. אבער פארשטייט זיך, אז מיר דארפן נעמען אין אכט אויך די ווערטער וואס זענען שפעטער אויפגענומען און געהערן אויך נאך צום אלטן יסוד פון סלאווישן עלעמענט.

---

11) איך רעכן דא נישט פיירע (פְּרי) און קיילע (כְּלי), ווייל דא איז עס זיכער אנאלאגיע צו דער מערצאל, נישט ארגאנישע אנטוויקלונג.

12) אויב פון 12 י"ה קען זיין, אז די ווערטער זענען שוין באניצט געווארן פון די יידן, וואס האבן גערעדט סלאוויש פאר דער איינוואנדערונג פון דייטשלאנד, און זענען דערנאך אריבערגענומען אין יידיש.

סלאוויש e איז אין רוב ווערטער וואס זענען אריין אין יידיש, געבליבן קורץ. מיר טרעפן עס דעריבער אין זיין אלטער פארם אין ווערטער ווי: דעכען, סטעזשקע, וועטשערע, פעטרושקע, פעסטען זיך. דער וועלאראיבער קלאנג האט שוין ביים סלאווישן עלעמענט נישט געהאט די קראפט ווי אין אנהויב (זע קאפיטל ג), און דערפאר איז ער שוין זעלטן, אבער אין מעמ"י דיאלעקטן הערט מען למשל ראכען אא"וו.

אין אפאר ווערטער ווידער האט זיך e שוין גאר פרי פארלענגערט, לויט די באקאנטע כללים (קאפיטל ב), און טרעט דערפאר אויף אין פארם פון או"י ע (פונקט ווי ביים סגול): פלייצעס, טאנדעט, פריידיק, ריישע (די שטאט). פארשטייט זיך, אז אויך סלאוויש ej, אויב ס'איז פון עלטערן עלעמענט, האט דורכגעמאכט דעם וועג פון או"י ײַ, למשל לייצעס.

זעלטן טרעפן מיר א סלאוויש e וואס איז ערשט שפעטער פארלענגערט געווארן און איז געגאנגען דעם וועג פון או"י ײַ, למשל מ"י פשעיטש (א שטאט אין ווארשע-ווער גובערניע).

אבער פאראן אויך ווערטער, וואס או"י ײַ אנטשפרעכט דארט נאך אן אלטן לאנגן וואקאל פון סלאוויש, א וואקאל וואס איז געווען פארמאכט, נאָנט צום i, און מיר דערקענען אים היינט אין פויליש ia, אוקראיניש i, רוסיש ě למשל: ציידע (< dzědu) [13], ביילעק, מיירע, קווייט.

דער ספעציפיש פוילישער נאזאל-וואקאל ę האט זיך צעטיילט אין וואקאל + נאזאל אדער האט דעם נאזאל אין גאנצן אנגעווירן, אזוי: סטענגע, פענטען, פארוויענען, דעמבענע - אדער פיעטע, פעטלע [14]. ~~[illegible]~~ ווערטער, וואס האבן ארויסגעשטופט דעם נאזאל, ווייזן אויס עלטער; ווערטער, וואס האבן אים דערהאלטן, קענען זיין יינגער.

יא.

לאמיר אונטערציען א קורצן סך הכל. די אנטוויקלונג פון די ע-קלאנגען איז פאראלעל אין אלע 3 עלעמענטן, אין דייטשן, העברעיִשן און סלאווישן, און איר כאראקטער איז כמעט אין גאנצן א דייטשער. די דייטשע דיאלעקטן, וואס האבן באשטימט די דאזיקע אנטוויקלונג, זענען דערהויפט ביירישע און אמ"ד (אין מע"י כמעט נאר ביירישע), אבער אויך די נה"ד שריפטשפראך (וואס איז אליין אויך א פראדוקט פון געמישטע אמ"ד און א טייל ביירישע עלעמענטן) האט זיך דערין באטייליקט. די פארייניפאכונג פון דער וואקאלסקאלע, די פארלענגערונג און פאר-קירצונג אא"וו באווייזן אז דער יסוד פון יידיש (או"י) איז מער נה"ד ווי מה"ד - מען דארף אים אנרופן פריִ-נה"ד אדער שפעט-מה"ד (די צייט פון 14-16 י"ה בערך). סלאווישע השפעה אין דער יידישער פאנעטיק טרעפן מיר כמעט נאר אין צמז"י - צ"י [15] האט עס אין אַ"י צייט אפגעשטעלט די לאנגע מאנאפטאנגען (אין די מזרח-סלאווישע שפראכן אליין זענען די לאנגע מאנאפטאנגען אין 16 י"ה שוין אין גאנצן אפגעשטארבן). אין אַ"י צייט האבן זיך די יידישע דיאלעקטן דיפערענצירט, ווייל די פאנעטישע פארענדערונגען, וואס זענען ארויסגעגאנגען פון מערב, האבן נישט איבעראל דערגרייכט די זעלבע מאס - אין מערב זענען זיי אסך שטארקער ווי אין מזרח. פארענדערט האבן זיך דער עיקר די לאנגע וואקאלן, און זייער וועג איז: ײַ > ײ > ײַ > אַי > אַ. קורצע וואקאלן האבן זיך נאר פארענדערט דורך וועלאריזאציע פאר וועלארע קאנסאנאנטן (ע > אַ). אין מאמענט, ווען א קורצער וואקאל ווערט פארלענגערט, באקומט ער די טענדענץ זיך צו פארענדערן; אין מעמענט, ווען א לאנגער וואקאל ווערט פארקירצט, קען ער זיך אפהיטן זיין קוואלימעט; דערפאר איז צמז"י אין באצוג אויף די קוואליטעטן אם קאנסערוואטיווסטן. די פאנעטישע אנטוויקלונג איז דורכגעפירט לויט "אייזערנע" געזעצן. אויב מיר טרעפן ווערטער, וואס ווייזן ארויס אן אנדערן קלאנג, ווי מיר דערווארטן, דארפן מיר בודק זיין זייער היסטאריע: אדער זיי האבן געהאט פריער אן אנדערן וואקאל, אדער ס'זענען געווען א צווייטע פארמען, אדער די ווערטער זענען אריינגעליגן אין לעצטער צייט און האבן אין גאנצן נישט דורכגעמאכט די פאנעטישע אנטוויקלונג אין יידיש.

13) דער שוואכער וואקאל ווארטאויס עגזיסטירט אין סלאוויש ביז 12 י"ה און האט נאך באוויזן אריינצוקומען אין יידיש.
14) איך שמועס דא פון אזעלכע פאלן, ווו דער וואקאל ווייזט אז זיי שטאמען פון פויליש.
15) מערב-און דרום-סלאווישע שפראכן (טשעכיש, סערביש אא"וו) האבן פאר אונז גאר קיין באטייט נישט.